## פֿאַר די וואַלן פֿון 2026

# שוועדן געווינט מיט גרינע פּאָליטיק

שוועדן קען זײַן אַן אויסגעצייכנט לאַנד אויף צו וווינען. נאָר די אַנטוויקלונג לויפֿט קאַפּויער. עמיסיעס פֿאַרגרעסערן זיך. שפּאַלטן וואַקסן. די נאַטור ווערט צוריקגעשלאָגן. ס׳מוז נישט זײַן אַזוי.

**Miljöpartiet (די גרינע פּאַרטיי) וויל איבערדרייען דעם גאַנג און אינוועסטירן אין דער צוקונפֿט.**
מיר ווילן בויען אַ שוועדן וואָס האַלט זיך צוזאַמען.אַ שוועדן אין וועלכן דער קלימאַט־איבערגאַנג שאַפֿט נײַע שטעלעס, פֿאַרשטאַרקט דעם געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרזאָרג, און באַפֿרײַט אונדז פֿונעם פֿאָסילן־ברענוואַרג. אין וועלכן די באַנען אַרבעטן גוט און מענטשן קענען לעבן אויסהאַלטעוודיק – איבערן גאַנצן לאַנד.

מיר ווילן פֿאַרטיידיקן די נאַטור וואָס האַלט אונדז אַלע אונטער. וועלדער, ימען און אָזערעס דאַרפֿן ווערן באַשיצט און צוטריטלעך אַלעמען – הײַנט און לטובֿת צוקונפֿטיקע דורות.

דערצו, ווילן מיר אויפֿבויען אַ גלײַכער און מער יושר׳דיק שוועדן. אַ מער מענטשלעכע געזעלשאַפֿט אין וועלכער אַלע קינדער זאָלן אָנהייבן מיטן רעכטן פֿוס אינעם לעבן, אין וועלכער דער פֿאַרזאָרג גייט גוט און אין וועלכער קיינער ווערט נישט אויסגעלאָזט – אַ שוועדן אָן קיין סעגרעגירונג אָדער ראַסיזם.

אַלץ איז דאָך פֿאַרבונדען. אַז מען פֿאַרמינערט עמיסיעס, פֿאַרשטאַרקט דעם פֿאַרזאָרג און באַשיצט די נאַטור, בויט מען אַ זיכערער און שטאַרקער שוועדן.

צוזאַמען האָבן מיר אַלע איין גורל. בײַם אָננעמען דאָס אחריות אינעם איצטיקן מאָמענט קענען מיר באַשאַפֿן די טויש וואָס נייטיק אויף דער צוקונפֿט.

**אָט דערפֿאַר געניסט שוועדן פֿון גרינע פּאָליטיקן.**

miljöpartiet de gröna

**לייענט נאָך וועגן אונדזערע פּאָליטיק אין www.mp.se**

# װאַלן־מאַניפֿעסט 2026

**Miljöpartiet (די גרינע פּאַרטײ) גײט צו די װאַלן אױף אַ יושר׳דיקן קלימאַט־איבערגאַנג איבערן גאַנצן לאַנד, אַ גלײַכערער געזעלשאַפֿט װאָס פֿאַרשטאַרקט שװעדן, און שטאַרקערן שיץ צו דער נאַטור און דער סבֿיבֿה. מיר שטעלן זיך אײַן פֿאַר דער דעמאָקראַטיע, פֿאַרן מענטשנרעכט, פֿאַר דער פֿרײַהײט פֿון אַלע מענטשן און פֿאַרן רעכט אַז יעדערער זאָל קענען פֿורמירן דאָס אײגענע לעבן.**

## שװעדן געניסט פֿון...

**1. רעדוצירן אונדזערע עמיסיעס** און זײַן אַ שטאַרקער קול לטובֿת הויכע קלימאַט־אַמביציעס סײַ אין די אײ״פֿ סײַ איבער גאָר דער װעלט.

**2. שטאַרק אינװעסטירן אין קלימאַט־אינװעסטירונגען,** אַזוי װי אײַזנבאַנען, באַנײַעװדיקע ענערגיע, און גרינע אינדוסטריע װאָס באַשאַפֿט אָן אַ שיער נײַע שטעלעס.

**3. פּטור װערן פֿון דער אָפּהענגיקײט אין** פֿאָסילן־ברענװאַרג און פֿאַרברײטערן באַנײַעװדיקע ענערגיע. געבן לאָקאַלע קהילות די מעלות פֿון װינט־ און װאַסער־ענערגיע.

**4. אײַנפֿירן אַ ״שװעדן־קאַרטל״ אױפֿן עפֿנטלעכן טראַנספּאָרט** װאָס גילט איבערן גאַנצן לאַנד – 499 קראָנעס אױף דערװאַקסענע און 249 קראָנעס אױף קינדער, סטודענטן און פּענסיאָנערן.

**5. לאַנצירן אַן איבערלאַנדישע עלעקטרישער־אױטאָ אָפּענסיװע:** זאָל יעדערער קענען זיך פֿאַרגינען זיך אַריבערצוגײן אױף אַן עלעקטרישן אױטאָ.

**6. פֿאַרמינערן עקאָנאָמישע שפּאַלטן** בײַם באַשטײַערן די איבער־רײַכע און פֿאַרגרעסערן די װוינבענעפֿיט, קינדערבענעפֿיט, און אײַנפֿירן אַ װײַטערדיקן צוגאָב פֿאַר אַלײנשטײענדיקע עלטערן.

**7. בטל מאַכן די מאַרק־שול, אָפּשטעלן רװחים און צעברעכן די שול־סעגרעגירונג.** שולן מוזן װערן גלײַכער, האָבן מער רעסורסן, און קלענערע גרופּעס קינדער אינעם קלאַס.

**8. פֿאַרקירצן רײען אינעם געזונט־סיסטעם, פֿאַרבעסערן אַרבעט־באַדינגונגען אױף געזונט־אַרבעטערס**, און פֿאַרברײטערן דעם ערשטיקן געזונט־אָפּהיט, ס׳זאָל זײַן לײַכט צוטריטלעך אַלעמען.

**9. פֿאַרזיכערן, אַז מער מענטשן זאָלן קענען קריגן באַלדיקע הילף אױף גײַסטיקע־געזונט־ענינים, און מציל זײַן קינדער און יונגע־לײַט בײַ צײַטנס.**

**10. רעדוצירן אַרבעט־שעהען אױף אַלעמען** און שטעלן טריט צו אַ פֿיר־טאָגיקער װאָך.

**11. בטל מאַכן די װאַרטצײַט־אַראָפּרעכענונג (karensavdrag)** און פֿאַרגרעסערן די פֿאַרזיכערונג אין פֿאַל פֿון מחלה.

**12. באַשיצן די טײַערסטע נאַטור,** און שטאַרק אױפֿהאַלטן דעם ברעגשיץ.

**13. אָפּהאַלטן אינדוסטריעלע טראַולערס און איבערפֿישערײַ**, און שטיצן דעם ברעגיקן פֿישפֿאַנג.

**14. פֿאַרבעסערן דאָס װוילזײַן פֿון באַשעפֿענישן.** זאָלן חיות און בהימות װערן װײניקער אָנגעפּאַקט און האָבן מער צײַט אין דרױסן, און אַ סוף צו סײַ ״טורבאָ־הינער״ סײַ װײטיקדיקע עקספּערימענטן אױף באַשעפֿענישן.

**15. פֿאַנגען מער באַנדע־פֿאַרברעכערס,** פֿאַרשטאַרקן פֿאַרהיט־באַמיִונגען, און פֿאַרגרעסערן די פֿאַראַנענקײט פֿון לאָקאַלער פּאָליצײ.

**16. פֿאַרגרעסערן די מין־גלײַכרעכטיקײט.** פֿרויען מוזן זיך פֿילן זיכער, האָבן דאָס גלײַכע עקאָנאָמישע־באַ׳כּוח׳ען, און באַקומען אָפּהיט לױט די זעלבע תּנאָים װי מענער.

**17. פֿאַרשטאַרקן דעם שיץ פֿון אונדזער טרינקװאַסער** און אינװעסטירן מער אין דער קלימאַט־צופּאַסונג.

**18. פֿאַרגרעסערן די צוגעגרײטקײט פֿון אונדזער שפּײַז־פֿאַרזאָרגונג** און פֿאַרשטאַרקן שװעדישע אַגריקולטור.

**19. פֿאַרגרעסערן דעם שטיץ פֿון קולטור,** אינװעסטירן אין אַ בירגער־געזעלשאַפֿט־ביליאָן, און אײַנפֿירן אַ קולטורעלע צוטריטרעכט פֿאַר אַלע קינדער.

**20. אַ סוף מאַכן צו נישט־באַרעכטיקטע דעפּאָרטירונגען:** מער נישט קײן צענערלינג־דעפּאָרטירונג, אױך נישט צעשײדן משפּחות. מענטשן װאָס האָבן זיך געבױט דאָס לעבן אין שװעדן זאָלן זײַן דערלױבט צו בלײַבן.

**21. פֿאַרבעסערן משפּחה־פּאָליטיקן לשם רעגנבױגן־משפּחות.** פֿאַרטײדיקן און פֿאַרשטאַרקן די רעכט פֿון כּלערלײ LGBTQI מענטשן.

**22. אױפֿבױען אַ שטאַרקע פֿולקאָמע־פֿאַרטײדיקונג,** פֿאַרגרעסערן שװעדישן שיץ, און פֿאַרטײדיקן דאָס פֿעלקעררעכט.

miljöpartiet de gröna